א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת ויחי

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### פאר א קראנקן איז גענוג א הרהור תשובה

**"וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה"** (מז לא)

"פון דא לערנען חז"ל (שבת יב ב) אז די שכינה געפינט זיך העכער דעם קאפ פון א קראנקן" (רש"י)

פארוואס רוהט טאקע די שכינה צוקאפ'נס פונעם קראנקן?

ערקלערט דער רבי ר' **יהונתן אייבשיץ**: א געזונטער מענטש קען תשובה טוהן במעשה, דורך דעם וואס ער וועט פאררעכטן זיינע מעשים און זיך אונטערנעמען מער נישט זינדיגן. אבער דער קראנקער וואס ליגט אויף זיין בעט קען נישט תשובה טוהן במעשה, צוליב דעם שטייט די שכינה נעבן אים, און אין די מינוט וואס עס קומט אים ארויף אויפן מח א געדאנק פון תשובה, נעמט עס די שכינה באלד אן.

'תפארת יהונתן'

### די ברכה 'ברוך שפטרני' אויף אפרים און מנשה

**"וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת בְּנֵי יוֹסֵף וַיֹּאמֶר מִי אֵלֶּה"** (מח ח)

"ויאמר מי אלה - מהיכן יצאו אלו שאינן ראוין לברכה?" (רש"י)

בדרך צחות האט ערקלערט **רבי בן ציון הלברשטאם פון באבוב** הי"ד, לויט וואס דער מדרש זאגט (ב"ר סג י, וראה מג"א או"ח רכה ה) אז אין דעם טאג וואס א זוהן ווערט דרייצן יאר, דארף זיין פאטער זאגן: 'ברוך שפטרני מעונשו של זה', ווייל ביז ווען דער זוהן ווערט דרייצן יאר ווערט זיין פאטער געשטראפט צוליב די עבירות פון זיין זוהן, אבער פון דעמאלטס ווערט ער באפרייט פון די שטראף.

לויט דעם קען מען זאגן אז ווען יעקב האט געזעהן די ערליכקייט פון זיינע אייניקלעך - די קינדער פון יוסף, האט ער זיך געוואונדערט: 'וויאזוי זענען זיי אזוי ערליך אויפגעוואקסן', און ווייל זיי האבן קיינמאל נישט געזינדיגט זענען זיי נישט ראוי צו די ברכה פון 'ברוך שפטרני', ווייל זייער פאטער האט קיינמאל נישט געדארפט געשטראפט ווערן צוליב זיי.

'קדושת ציון'

### 'יהא שמיה רבא' אין בית המקדש

**"הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים"** (מט א)

אין מסכת פסחים (נו א) שילדערן די חכמים זכרונם לברכה די מינוטן וואס זענען געווען איידער יעקב אבינו איז ארויף צו די מתיבתא דרקיעא:

"יעקב האט געוואלט אנטפלעקן פאר זיינע קינדער דעם קץ הימין, האט די שכינה זיך אפגעטוהן פון אים. האט ער געזאגט: 'אפשר חס ושלום איז דא א פעלער ביי מיינע קינדער, אזוי ווי אברהם וואס פון אים איז ארויס ישמעאל, און מיין פאטער יצחק וואס פון אים איז ארויס געקומען עשו?' האבן זיינע קינדער אים געזאגט: 'שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד'. האבן זיי ווייטער געזאגט: 'כשם שאין בלבך אלא אחד - כך אין בלבנו אלא אחד'. האט יעקב דעמאלטס געזאגט: 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד'". די מעשה ווערט אויך געברענגט אין תרגום ירושלמי (דברים ו ד), דארט שטייט די טייטש פון 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' - דער לויב וואס מיר לויבן יעדן טאג עטליכע מאל - "יהא שמיה רבא מברך לעלם".

מיט דעם פארענטפערט דער משגיח פון סלבודקא **רבי משה טיקוצ'ינסקי** די גמרא אין מסכת ברכות (ג א): "ווען אידן גייען אריין אין די שוהלן און ענטפערן 'יהא שמיה הגדול מבורך' שאקלט דער אויבישטער מיט זיין קאפ און זאגט: וואויל איז דער קעניג וואס ביי אים איז שטוב לויבט מען אים אזוי", זאגט רש"י: "וואויל איז געווען די צייט וואס מ'האט געהערט די לויב אין בית המקדש".

און די קשיא פרעגט זיך פון זיך אליין: וואו טרעפן מיר אז מ'האט געענטפערט 'יהא שמיה רבא' אין בית המקדש?

אבער, לויט דעם תרגום ירושלמי איז עס פארשטענדליך, ווייל חז"ל זאגן (תענית טז ב) אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט אמן נאכן זאגן א ברכה, נאר מ'האט געענטפערט 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד', וואס זיין טייטש, איז ווי אויבן דערמאנט, 'יהא שמיה רבא...

'בעקבות משה'

> **די גאולה אין זכות אמן**
>
> **"וֵאלֹקִים פָּקֹד יִפְקֹד אֶתְכֶם וְהֶעֱלָה אֶתְכֶם מִן הָאָרֶץ"** (נ כד)
>
> די ראשי תיבות פון "פָּקֹד יִפְקֹד אֶתְכֶם" באטרעפט אמן, דא איז מרומז וואס חז"ל זאגן (ילקוט שמעוני שמות רמ): "אונזערע עלטערן זענען נישט אויסגעלייזט פון מצרים נאר אין די זכות פון די אמונה וואס זיי האבן געגלייבט, אזוי ווי עס שטייט: (תהלים לא כד): 'אֱמוּנִים נֹצֵר ה'"".
>
> 'ויאמינו בה" עמ' לח
>
> **ספר בראשית אין דעם סוד פון אמן**
>
> אין חומש בראשית זענען פארהאן צ"א קאפיטלעך (סתומות און פתוחות) אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'. דאס איז א רמז אויף דעם פארבינדונג צווישן דעם חומש, וואס דער שורש פון די אמונה פון כלל ישראל ביז סוף כל הדורות ליגט באהאלטן צווישן זיינע קאפיטלעך, צו די מצוה פון ענטפערן אמן וואס איז לויטער אמונה אז דער אויבישטער איז: **'א-ל מלך נאמן'**.
>
> 'שבט מיהודה'

### דער כהן האט געדאוונט דעם לשון פון תרגום

**"לֹא יָסוּר שֵׁבֶט מִיהוּדָה"** (מט י)

אין מסכת תענית ווערט אראפגעברענגט דעם נוסח התפילה וואס דער כהן הגדול האט געדאוונט אין יום כיפור נאכן אריינגיין אין 'קודש הקדשים', א תפילה וואס ענדיגט זיך מיט די תרגום אויף דעם פסוק: "לא יעדי עביד שולטן מדבית יהודה".

פארוואס האט דער כהן נישט דערמאנט דעם לשון הפסוק אליין: "לֹא יָסוּר שֵׁבֶט מִיהוּדָה"?

א לומדי'שע פשט האט געזאגט אויף דעם דער **'ישמח ישראל' פון אלכסנדר**:

ווען דער כהן גדול איז אריין אין קודש הקדשים האט ער נישט געקענט האלטן א ספר אין זיין האנט, ווייל אין די הענט האט ער געהאלטן די מחתה מיט די קטורת, וועגן דעם האט ער נישט געזאגט דעם לשון פון דעם פסוק, ווייל חז"ל זאגן (גיטין ס ב): "דברים שבכתב אי אתה רשאי לאומרם בעל פה", און אנשטאט דעם האט ער דערמאנט דעם לשון פון תרגום.

'אורות רבותינו מאלכסנדר' עמ' קד

### די ספעציעלע ברכה פון די פרוכט פון נפתלי

**"נַפְתָּלִי אַיָּלָה שְׁלֻחָה הַנֹּתֵן אִמְרֵי שָׁפֶר"** (מט כא)

אין תרגום אונקלוס טייטש ער די ברכה וואס נפתלי האט באקומען: אז זיינע פעלדער וועלן ארויסגעבן פירות און אלע וועלן לויבן און דאנקען אויף זיי. דארף מען פארשטיין, וואס איז די ספעציעלקייט פון די פרוכט פון נפתלי, אויף אלע פרוכט זאגן מיר דאך א ברכה?

ערקלערט דער **הרא"ה** אין נאמען פון זיין רבי **רבי יצחק הלוי**:

ס'שטייט אין גמרא (ברכות מד א) אז מ'זאגט נישט א ברכה אויף פירות וואס מ'עסט צוזאמען מיט די ברויט, נאר אויב זיי זענען 'פירות גינוסר', וואס צוליב זייער שטארקע זיסקייט ווערן זיי נישט גע'פטר'ט מיט די ברכה פון די ברויט. לויט דעם קען מען פארשטיין, ווייל נפתלי איז געבענטש געווארן אז ער וועט באקומען די 'גינוסר' (וואס געפינט זיך ביים בארטן פון די טייך כינרת), און ווייל זיינע פרוכט זענען שטארק זיס וועט מען אויף זיי זאגן א ברכה אויך ווען מ'וועט זיי עסן צוזאמען מיט ברויט, אנדערשט פון אנדערע סארט פרוכט.

נאך א תירוץ אויף דעם האט געזאגט דער ראש ישיבה פון ישיבת חכמי לובלין, דער **קאזיגלובער גאון**, ווען ער איז געווען אויפן קבר פון רשב"י אין מירון, אין יאר תרצ"ה:

להלכה איז אנגענומען אז ברכת הנהנין איז נאר מדרבנן, אבער אין מירון, די שטאט פון רשב"י, דארף מען פסק'ענען די הלכה אזוי ווי רשב"י (זוהר עקב רע ב) אז די ברכות הנהנין זענען מן התורה, און אויף דעם האט יעקב אבינו געזאגט פאר נפתלי, אז אין מירון וואס איז אין זיין טייל וועלן די ברכות הנהנין זיין מן התורה, אנדערשט ווי אין אנדערע פלעצער ווי דאס איז נאר מדרבנן.

'פירוש ההלכות לרא"ה' ברכות מד א : שו"ת 'ארץ צבי' סי' כז

### אזוי לויבט מען אויף א נס

**"וַיִּרְאוּ אֲחֵי יוֹסֵף כִּי מֵת אֲבִיהֶם וַיֹּאמְרוּ לוּ יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף"** (נ טו)

מיר טרעפן אין מדרש (תנחומא ויחי יז) אז יוסף'ס ברודער'ס האבן מורא געהאט צוליב דעם וואס צוריק קומענדיג פון די קבורה פון זייער פאטער זענען זיי אריבער נעבן די גרוב וואו מ'האט דארט אריינגעווארפן יוסף פאר אסאך יארן צוריק, און יוסף האט זיך דארט אפגעשטעלט כדי צו זאגן די ברכה: "ברוך שעשה לי נס במקום הזה", און פון דעם האבן זיי פארשטאנען אז יענע געשעהעניש איז נאך אויפגעשריבן אויף זיין הארץ.

האט **רבי חיים שמואלעוויץ**, דער ראש ישיבה פון מיר געפרעגט: פארוואס האבן די ברודער פון דעם אפגעלערנט אז יוסף האט זיי נאך פיינט, ער איז דאך געווען מחויב על פי הלכה צו זאגן די ברכה?

ערקלערט ער אזוי: ווייל זיי האבן גוט געקענט זייער ברודער יוסף הצדיק, האבן זיי געוואוסט אז בעפאר ער האט געזאגט די ברכה פון ברוך שעשה לי נס, האט ער איבערגעטראכט די צרה וואס ער האט געהאט מיט יארן צוריק, ביז ער האט ממש געפיהלט אז ער געפינט זיך יעצט אין יענע צרה, כדי אז דער לויב זאל זיין פון טיפן הארץ. וועגן דעם זענען זיי גערעכט געווען אז זיי האבן מורא געהאט אז אפשר וועלן זיך אויפוועקן אין אים די שווערע געפיהלן אקעגן זיי.

'מזמור לתודה' עמ' 187



## די מנהג פון די קדושי עליון

אזוי דערציילט מען אויף דעם גאון וקדוש רבי **אריה לייבוש ליפשיץ**
דער 'אריה דבי עילאי'(נפ' יז טבת תר"ו):

**"יעדן טאג זענען געקומען צו זיין צימער זיבן קינדער, און זיי האבן פאר אים געזאגט די ברכות השחר, און ער האט געענטפערט אמן נאך זיי"**

('ארי שבחבורה', פסקים ומנהגים 'תפילה')

**אויך איך זאג די ברכות השחר מיט א חברותא**

# תענה אמונים

א בליק לויטן סדר פון דאווענען

## נשמת כל חי תברך

### דער יסוד פון דער לויב 'נשמת'

אין די קומענדיגע ארטיקלען וועלן מיר ארום רעדן איבער די געהויבענע תפילה וואס מיר זאגן שבת, אין ימים טובים און אין יעדע פאסיגע צייט: 'נשמת כל חי'. אויף די דערהויבענע מעלה און די הייליגקייט פון די תפילה האבן שוין די ראשונים און די אחרונים מאריך געווען אן קיין ענדע, און מיר וועלן נישט אראפברענגען נאר אביסל פון זייערע ווערטער, ישמע חכם ויוסף לקח.

דער יסוד פון 'נשמת' איז פון גאר א הייליגן מקור. אין גמרא (פסחים קיח א) טרעפן מיר אז רבי יוחנן זאגט אז דאס מיינט די 'ברכת השיר' וואס ווערט געזאגט פסח ביינאכט אזוי ווי עס שטייט אין משנה (שם קיז ב), און עס ווערט אנגערופן 'ברכת השיר' ווייל עס ווערט געזאגט יעדן שבת נאך די פסוקי דזמרה (תוספות שם). אזוי אויך אין זוהר הקדוש (תרומה קלח א) איז ער מאריך אויסרעכענען אירע סודות.

אין די ראשונים ('מרדכי' שם ועוד) ווערט ערקלערט אז די אנשי כנסת הגדולה האבן עס מתקן געווען, און אין 'רוקח' שטייט נאך מער אז זיי האבן עס מתקן געווען בעפאר זיי האבן מתקן געווען צו זאגן די ברכות השחר, און צוליב דעם ווערט דארט דערמאנט עטליכע פון די זאכן אויף וואס מיר לויבן ביי די ברכות השחר, צ.ב.ש.: 'וה' לא ינום ולא יישן' אקעגן די ברכה פון 'אלוקי נשמה', 'המעורר ישנים והמקיץ נרדמים' וכו', אקעגן די אנדערע ברכות השחר, און אין יענע צייטן האט מען יעדן טאג געזאגט 'נשמת', אנשטאט די ברכות השחר.

### די מעלה פון נשמת

די מורא'דיגע קדושה פון די תפילה קענען מיר זיך לערנען פון די פייערדיגע ווערטער וואס דער רוקח שרייבט אין זיין סידור: "יעדער מענטש וואס האט אין זיך א גייסט פון לעבן זאל אינזין האבן ביי 'נשמת' מיט זיין גאנצן כח, ווייל דאס איז א לויב וואס איז מער פון אלע אנדערע לויבן, און וואויל איז דער וואס האט אינזין ביי יעדע ווארט און זאגט עס הויעך מיט זיין גאנצן כח און מיט א געזאנג".

ענליך צו דעם שרייבט אויך דער של"ה הקדוש און לייגט צו: "דער לויב פון 'נשמת' איז זייער גרויס, עס רעדט פון די מעלה פון די נפש, רוח און נשמה וואס לייכטן אין אונז... און כאטש מיר קענען אים נישט לויבן אויך אויף איין טייל פון צענדליגער טויזנטער זאכן וכו', פון דעסוועגן אלע אונזערע ביינער זאלן לויבן דעם אויבערשטן... ווייל דער קערפער איז אזוי ווי דער טאש פון די נשמה, זי ווערט געהייליגט פון איר הייליגקייט, דעריבער דארפן מיר זיך הייליגן אין אלע אונזערע גלידער... דאס איז דער כלל פון דער לויב 'נשמת'" (סידור השל"ה).

געוואלדיגע ווערטער איבער די לויב פון נשמת שרייבט דער בעל יסוד ושורש העבודה (שער ח' שער העליון פ"ח):

"דער גרויסער לויב, זאל א מענטש אריינטראכטן אויף זיין פלאץ אין זוהר הקדוש (תרומה קלח א) וואו ער רעכנט אויס די צאל פון אלע ווערטער פון דער לויב אז עס איז לויט די צאל פון די שמות הקדושים והנוראים פון די הייליגע עולמות עליונים. און ענק זעהן וויאזוי האבן די אנשי כנה"ג אויסגערכענט אז דער לויב זאל זיין אנטקעגן אירע דערהויבענע מעלות אין די הייליגע עולמות עליונים...

און עס זיכער פאסיג אז ווען דער מענטש זאגט די ווערטער זאל ער ברענען ווי א פייער וואס פלאקערט און עס ארויס זאגן מיט א שטארקייט און מיט א געוואלדיגע שמחה, אזוי ווייט אז ער זאל אנקומען צו התפשטות הגשמיות"

### פארוואס האט מען עס מתקן געווען צו זאגן שבת קודש

אזוי ווי עס איז שוין אויבן דערמאנט געווארן אין נאמען פון תוספות אין מסכת פסחים (קיח א ד"ה ר"י) אז אין די צייט פון די משנה האט מען זיך שוין געפירט צו זאגן 'נשמת' שבת בייטאג, אבער פון רבינו יונה (ברכות לד ב) זעהט אויס אז דער מקור פון דער מנהג איז פון די תקנות הגאונים. עטליכע ערקלערונגען טרעפן מיר אויף דעם:

א. אין 'תשובות הגאונים החדשות' (סי' לו) ווערט געברענגט אז 'נשמת' איז אזוי ווי 'הלל', און עס ווערט געזאגט אלץ א לויב אויף די גוטע מתנה וואס דער אויבישטער האט אונז געגעבן, וואס דאס מיינט דעם 'שבת' (ראה שבת י ב).

ב. אין 'שיטה מקובצת' (ברכות לד ב) שרייבט ער אז דאס זענען ספעציעלע לויב ווערטער וואס מיר לייגן צו לכבוד שבת. און אין ספר התמיד (לרבו של המאירי, מהד' טולידנו עמ' 29) ווערט ערקלערט אז דער קאפיטל זאגן מיר אין שבת ווייל דעמאלטס איז דא די נשמה יתירה און רוב פון די תפילה פון 'נשמת' איז אויף די טייל פון די נשמה. און נאך "עס איז פאסיג מ'זאל אין דעם טאג צולייגן און אראפנעמען פון די געוויינליכע נוסח התפילה און די ברכות כדי עס זאל זיין אנדערשט פון אנדערע טעג, און דער מענטש זאל נתעורר ווערן אז יעצט איז א אנדערע צייט, אזוי ווי א מענטש ווערט נתעורר דורך דעם טויש פון אנדערע קליידער און פון אנדערע עסן".

אזוי אויך שטייט אין סידור השל"ה: "זיין צייט צו זאגן איז שבת, ווייל דעמאלטס האט דער מענטש אויך א נשמה יתירה", און אין ספר 'חסד לאברהם' (מעיין ב נהר מט) לייגט ער צו, אז ווען דער חזן זאגט 'נשמת כל חי' ביי שחרית דעמאלטס גייט אריין די נשמה יתירה אין דעם מענטש.

ג. רבי חיים וויטאל (שער הכוונות דרוש א) שרייבט אז דאס זאגן אין שבת איז אנשטאט די מצוה פון תפילין וואס מיר טוהן אן אינמיטן וואך. און ער לייגט צו אז דער וואס ליינט קריאת שמע אום שבת אן צו זאגן 'נשמת', איז אזוי ווי איינער ליינט קריאת שמע אן קיין תפילין.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די קאנווערט וואס האט געווארט צעהן יאר

"מיסטער גרשון דאווידאוויטש, ס'טוהט מיר ווי דיר צו זאגן אז צוליב וואס די שקל איז געווארן וויינינגער ווערד דארפסטו צולייגן נאך אכציג טויזנט שקלים". ר' גרשון, א אינזשעניר אין א קליינע פאבריק, איז נישט געווען קיין גרויסער עושר. אין לויף פון לאנגע יארן האט ער אפגעשפארט פון זיין ביסן ביז עס איז אים געלונגען צו פארווירקליכן זיין לעבנ'ס חלום; האבן א גרויסן הויז אין צענטער פון ירושלים. אבער יעצט, הערנדיג דעם צוגעלייגטן סומע האט ער געשפירט אז זיין חלום ווערט פארשווינדן.

מיט שוואכע טריט האט ער געמאכט די באקאטנע וועג צווישן די שמאלע געסלעך פון די גאולה געגנט, אויפן וועג צום שוהל 'זכרון משה', דארט האט ער געוואלט דאווענען מנחה און מעריב. אויפן וועג, נעבן די סופער-מארקעט האבן אים די געדאנקען אנגעהויבן צו לויפן אין זיין מח...

ער האט זיך דערמאנט אין די ערשטע מינוטן זיינע ווען ער האט זוכה געווען צו טרעטן דעם ערשטן מאל אין ארץ ישראל, פאר עטליכע יאר, ווען ער איז אנגעקומען מיט זיין פרוי און צוויי יונגע קינדער, אן צו וויסן גארנישט אויף זיין עתיד. עטליכע טעג נאכן זיך אויפהאלטן אין די געגנט וואס די רעגירונג האט צוגעשטעלט פאר די ניי ארויפגעקומענע איז אים שוין געווען קלאר אז דא איז נישט זיין פלאץ... כאטש ער האט נישט צופיל געוואוסט איבער אידישקייט, דאך איז אים געווען קלאר אז די אויפפירונג פון זיינע שכנים זענען נישט לויט די תורה, און נישט וועגן דעם איז ער ארויף קיין ארץ ישראל...

נאכן זיך אסאך פלאגן איז אים געלונגען צו באקומען א קליינע הויז פון איין צימער נאנט צו איינס פון די פרומע צענטערן אין ירושלים, דארט האט ער געהאפט אנצוהויבן זיין לעבן פון דאסניי.

כאטש וואס זייענדיג אין רוסלאנד, פון וואו ער איז ארויף געקומען, האט ער געהאט א גרויסן פאסטן, דאך ווען מ'האט אים אנגעטראגן צו ארבעטן מיט עלטערע מענטשן, האט ער נישט אפגעזאגט. דער אויבישטער האט אזוי צוגעפירט אז באלד ביים אנהויב פון זיין ארבעט האט מען אים געשיקט ארבעטן ביי א עלטערער פרומער איד מיטן נאמען ר' זלמן הערשבערג, וואס די אלצהיימער קראנקהייט פון וואס ער האט געליטן האט אויף אים שטארק געווירקט גייסטיש און פיזיש, אזוי ווייט אז מ'האט נישט געקענט גלייבן אז אין זיינע גוטע יארן האט ער געפירט גרויסע געשעפטן און פארדינט אסאך געלט.

די קינדער פון ר' זלמן האבן זיך זייער געפריידט ווען גרשון האט אנגעהויבן צו באדינען זייער פאטער. אויסער זיין קערפערליכער שטארקהייט, האבן זיי זיך שטארק איבערגעצייגט אין דעם ספעציעלן גראדקייט וואס ער האט פארמאגט, וואס דאס איז זייער וויכטיג געווען אין זייערע אויגן, ווייל אין זייער פאטער'ס הויז זענען געווען אסאך ווערדפולע זאכן.

אבער ר' זלמן, האט זיך וויי'ניגער געפריידט, זייענדיג א גרעאטעוועטער פון די ביטערע צווייטע וועלט'ס מלחמה, האט ער געזעהן אין דעם גרשון א געשטאלט פון איינעם וואס וויל אים שטערן זיין רוהיגקייט פון זיין לעבן און אין צוריק ברענגען צו יענע טעג וואס ער פראבירט א גאנץ לעבן זיי צו פארגעסן. פון צייט צו צייט האט ער הויעך ארויסגעזאגט פון וואס ער ציטערט, וואס דאס האט צוגעברענגט דעם גרשון צו אומאנגענעמע סיטואציעס.

אבער גרשון האט אויך געהאט גוטע מינוטן. אין יענע אויסטערלישע מינוטן וואס ר' זלמן'ס קאפ איז געווען קלאר, האט אים גרשון געטראגן צו א גארטן דערנעבן און זיך אראפ געזעצט אויפן באנק און מיט אים געשמועסט טיפע שמועסן אין הויכע ענינים. גרשון האט זיך געפריידט מיט די מינוטן אזוי ווי ער טרעפט ווען א גרויסן פארמעגן, זיין זעהל וואס איז דארשטיג געווען אויף רוחניות, איז אין די מינוטן אנגעטרינקען געווארן מיט א טל של תחיה וואס צוביסלעך איז עס אויך אנגעקומען לכלל מעשה.

יעצט ווען גרשון האט באמערקט פון דערווייטנס דעם בנין פון די שוהל, האט ער זיך דערמאנט וויאזוי איז געווארן זיין טויש אין לעבן. זיינע געדאנקען האבן אים גענומען יארן אויף צוריק, צו די ערשטע מאל וואס זיינע פוס האבן זוכה געווען אריינצוגיין אין א שוהל, אלץ א באגלייטער פון ר' זלמן דעם קראנקן. אויך ווען עס זענען אדורך אסאך יארן פון דעמאלטס איז נאך אריבער א סקרוך אין גרשון ווען ער האט זיך דערמאנט אין די פארלעגנהייט וואס האט אים אנגעכאפט ווען ער האט באמערקט דעם גרויסן דיפערענץ צווישן אים און די אנדערע מתפללים.

אין יענע מינוטן האט ער פשוט געוואלט אז די ערד זאל אים איינשלינגען. אבער דעמאלטס איז צוגעקומען צו אים א עלטערער איד מיט פריינדליכע אויגן און האט אים פריינדליך געפרעגט: "פארוואס דאוונסטו נישט?" די פריינדליכע שטימע וואס האט זיך ארויסגעהערט פון די פראגע האט צוגערירט צו די הארץ פון גרשון. פלוצלינג האט ער זיך שוין געשפירט ווי א טייל פון דעם אייביגן פאלק.

זיינע אויגן זענען געווען אראפגעלאזט ווען ער האט געענטפערט פאר דעם פריינדליכן איד: "איך ווייס נישט וויאזוי מ'דאוונט!"

"נישט קיין פראבלעם, מיר וועלן דיר אויסלערנען" - האט דער באליבטער מענטש געענטפערט ווען זיינע שמייכלדיגע אויגן ווערן אביסל ערנסט. אזוי האט זיך אנגעהויבן די רייזע פון גרשון צו די אידישקייט. א שטאטע רייזע, אבער מיט א פעסטקייט, אין לויף פון די וועג האט ער געטראפן אין זיין הארץ שיינע דיאמאנטן וואס האבן זיך פארדעקט אונטער א דיקע בלאטע. זיין דארשט צו אידישקייט וואס האט נישט געהאט קיין גרעניצן האט אים צוגעברענגט אז זאל אוועק געבן מער און מער שעות אויף לימוד התורה און אירע מצוות.

אויך ווען ר' זלמן איז נסתלק געווארן לעולם שכולו טוב און גרשון האט שוין געטראפן א נייע ארבעט ווי א אינזשעניר אין א נייע פאבריק, האט ער זיך ווייטער געשפירט ווי א טייל אין די פאמיליע פון די מתפללים פון די שוהל.

צוליב וואס אין א שוהל איז ער צום ערשטן מאל דערנענטערט געווארן צו אידישקייט, איז נאטורליך אז די ענין פון תפילה איז אים געווען נאנט צום הארצן מער פון אלעס. אין יעדע צייט וואס ער האט געדארפט א ישועה, אפילו אויף גאר קלייניקייטן, האט ער באלד באהאלטן זיין קאפ צווישן די בלעטער פון די סידור און מיט זיין איינפאכע שפראך האט ער געבעהטן פונעם באשעפער אז ער זאל שיקן זיין הילף, נישט בעפאר ווען ער לויבט פון פריער פון טיפן הארץ אויף אלעם וואס דער אויבישטער האט אים געשאנקען ביז יעצט.

אויך יעצט, בעפאר ער גייט טוהן עפעס השתדלות, האט זיך גרשון אויפגעהאלטן לאנגע מינוטן נאכן דאווענען, ווען ער דאוונט פון טיפן הארץ צו זיין טאטע אין הימל: "מיין טאטע אין הימל" - האט זיך גרשון געבעהטן, "איך וויל זייער שטארק אפקויפן די הויז וואו דארט וועל איך קענען גרינגעהערהייט ערציעהן מיינע קינדער, איך בעהט פון דיר, אויב דאס איז דיין רצון, העלף מיר איך זאל עס קענען אויספירן".

נאר ווי ער האט געענדיגט צו דאווענען האט זיך צושפרייט אין זיין קערפער א געפיהל פון א הימלישן רוהיגקייט. ער איז צוריק צו זיין הויז ווען ער איז רוהיג, ער איז זיכער אז זיין תפילה איז אנגענומען געווארן.

אין דעם קליינעם קאך ביי אים אין הויז האט אים שוין אפגעווארט די נאכטמאל, די קינדער זענען שוין אנגעטוהן מיט די שלאף-קליידער און געווארט מיט געדולד אז זייער פאטער זאל ענדיגן די נאכטמאל און זיי גיין לייגן שלאפן.

אבער נאך בעפאר ער האט אנגעיאגט צו וואשן זיינע הענט האט מען שוין געהערט קלאפן אויף דעם טיר, און עטליכע סקונדעס נאכדעם האט זיך געהערט די שטימע פון איינער פון די קינדער: "טאטי, איינער רופט דיר.....!".

ביים טיר איז געשטאנען א שליח און זין האנט איז געווען א ברוינע קאנווערט. "חתמ'ע מיר דא און דא און דא..." - האט ער געזאגט, און זיך געגאנגען ווייטער אויף זיין וועג ווען ער לאזט איבער דעם קאנווערט ביים באלעבאס.

נאר דעמאלטס האט גרשון אנגעהויבן צו באטראכטן אין די פרטים פון דער וואס האט געשיקט. 'פאמיליע הערשבערג' - אזוי איז געווען אויפגעשריבן אויף די קאנווערט מיט שווארצע אותיות.

גרשון'ס הענט האבן געציטערט ווען ער האט געעפנט די קאנווערט און פון דארט איז ארויסגעקומען א קליינע צעטל וואס צו דעם איז געווען באהאפטן א טשעק מיט די סומע פון... אכציג טויזנט שקלים. נישט מער און נישט וויי'ניגער.

די שווארצע אותיות האבן געציטערט אקעגן זיינע אויגן ווען ער האט געליינט די אינהאלט פונעם בריוו:

'טייערער גרשון, נאר יעצט, ענדליך, האט דער אדוואקאט געענדיגט צו זיך אפגעבן מיט די צוואה פון אונזער טאטע זכרונו לברכה, אין די צוואה איז געשטאנען אז ער וויל דיר שענקען די סומע פון אכציג טויזנט שקלים צוליב וואס ער האט געשעצט דיין איבערגעגעבענע ארבעט. מיר האפן אז דו וועסט געניסן פון די געלט. ווי עס שעצן און דאנקען די פאמיליע הערשבערג'.

ארום צעהן יאר האט די געלט געווארט אויף די ווארעמע תפילה אז עס זאל פארווירקליכט ווערן דעם ווילן פון דער נפטר, און ווען עס איז אנגעקומען, איז די געלט באלד אנגעקומען צו זיין באלעבאס.

(געהערט פון דער בעל המעשה)

עיצובים shay